בס"ד

# מבאר רבותינו

**שנה כ"ו גליון מ"א (אלף ש') פרשת דברים**
**ח' מנחם אב תשפ"ה לפ"ק**

לע"נ מרן הגה"צ רבי שמואל בן רבי יחזקאל שרגא זצ"ל מנאנאש, והרבנית הצדיקת מרת אסתר בת הר"ר יצחק ז"ל

הדלקה"נ: ברוקלין 7:55 =מאנסי - קרית יואל: 7:58 = לונדון: 8:33 = אנטווערפען: 9:13
מוצשב"ק: ברוקלין 9:22 = מאנסי - קרית יואל: 9:25 = לונדון: 9:59 = אנטווערפען: 10:40

## שבת חזון

סיפר ממוהר"ר פנחס **מקאריץ** ז"ל, שבימים שבין י"ז בתמוז לתשעה באב היה נשפל, וגם המורה שעות שבבית היו נעמדים מלכת, וגם החלה של שבת חזון מעולם לא היתה מצלחת. ומזה נראה עד כמה היה דואג על חורבן בית המקדש. (לקוטי אמרי פנחס ח"ב דף מ"ד)

*

הרה"ק בעל בית אהרן **מקארלין** זצ"ל, הי' פעם בשבת חזון בבאסראביע, והיו שם מתנגדים, וראה שהם שרוים בעצבות והוא היה בשמחה, וכאשר ראה שהנהגתו אינו מוצאת חן בעיניהם, אמר להם: ביום השבת קודש שישו ושמחו כמקבלי מתן נחליאל, והכניס בהם חיות ונשמה חדשה ושמחה עצומה, וביטל מהם כל העצבות שהי' להם. (פרי ישע אהרן דף קפ"ח)

*

שמענו מפי גדול אחד ז"ל, ששמע מפי הגאון הצדיק בעל שו"ת **קול ארי'** ז"ל מה' מאד, שאמר שרע עליו המעשה והמנהג אצל האשכנזים, כי בשבתות בין המצרים אומרים בבית הכנסת לכה דודי וכו', הכל בניגון "אלי ציון" וכו' (הפזמון בקינות ת"ב), דהוי כמו אבילות דפרהסיא, ועוד והוא העיקר, כי באזניו שמע בהיותו ילד ועלם חכם, היה בעירו (בה' מאד) בית אחד שקוננו שם בו הלצים והשדים והרוחות ר"ל על הגג והעליי', עד כי הוכרחו הדרים לצאת מן הבית, ושמעו שם בלילה בימות החול, שאמרו לכה דודי בניגון של "אלי ציון" הנהוג הנ"ל, וכאלו הם מתגרים בנו ללעג ולקלס, והם הסטרא אחרא נהנים כנראה מה שמזמרים בניגון זה בשבת קודש "לכה דודי", על כן ראוי שלא לנהוג כן גם בשבת קודש בימי המצרים ע"כ תורף דבריו הקדושים. (דברי תורה מונקאטש מהדורא ו' אות צ"ח)

*

פעם כשהי' רבינו [הרה"ק בעל אור מלא **מקאסאן** זצ"ל] שובת שבת בין המצרים בעיר אחת, בליל שבת אחר עריכת השלחן יצאו אנ"ש החסידים שבאו לחסות בצל קורתו ברקידה כנהוג, הרב מרא דאתרא שאל לרבינו היתכן בימי בין המצרים לרקוד, השיב לו רבינו בדרך צחות, הלא שבת היא מתנה (כדאיתא בביצה דף ט"ז א'), ובמתנה ליכא דינא דבר מצרא. (הליכות קודש קאסאן דף קס"ג)

*

שמעתי מהאדמו"ר הרה"צ מהרי"צ **מפשעווארסק** זצ"ל: החוזה הקדוש **מלובלין** זי"ע [יודה"ל טי מנ"א] אמר: בשבת חזון זוכים לחזות הבית המקדש השלישי בבנינו. (שיחתן של עבדי אבות ח"ב דף נ')

## מענינא דיומא

### ערב תשעה באב שחל בשב"ק

הנה בשנה זו חל ט' באב בשבת, ויש פלוגתא בין הרמ"א והטו"ז (עי' או"ח סי' תקנ"ג ס"ב) אם לומר פרקי אבות, על כן נצמח לנו עכשיו הספק איזה פרק אומרים [בשבת שמברכים חודש אלול], ופלוגתתם הנ"ל הוא, כי הרמ"א כותב שאסור לומר פרק, והטו"ז הקשה קושיא גדולה דבשר ויין מותר אפילו כסעודת שלמה (שם סי' תקנ"ב ס"י), וכשרוצה ללמוד אתה אומר לו שהיא ט' באב ואסור ללמוד. ואפשר להסביר פלוגתתם, כי סברת הרמ"א הי' כי אף שבאמת שביום השבת מותר כל התענוגים, אבל לימוד תוה"ק שהם פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים י"ט ט'), הוא שמחה גדולה כל כך שנמשך גם ליום שלאחריו דהיינו בט' באב עצמו, ובשר ויין שהוא תענוג רק באותו שעה מותר, אבל הטו"ז שהיה בדור מאוחר, וראה שהמרריגות נתמעטו, ורוב המון עם אינם מרגישין בלימוד תוה"ק תענוג אשר ימשך אותו יותר מאכילת בשר ושתיית יין, על כן פסק שכמו שהתירו לאכול בשר ולשתות יין, כמו גם כן מותר גם הלימוד. ויש להסתפק אם העולם הם עתה במדריגה שהי בזמן רמ"א או בזמן הטו"ז, על כן מספק נדבר ממשנה אחרונה של פרק אחרונה של פרק ד' לחבר אותו עם משנה ראשונה של פרק ה'. (ויגד יעקב ליקוטים לפרקי אבות שבת מברכים אלול)

ופלא אצלי על המנהג שראיתי אצל מופת דורינו הגה"ק בבעלז שליט"א שלא לזמר הזמר של ברוך א' יום יום וכו' בשב"ק. שהוא משום שיש בו הפסוק של חסדי ה' כי לא תמנו וכו' הנאמר באיכה, דהא הפסוק של וזכרתי את בריתי יעקב וכו' נמצא ג"כ בתוכחה, ובכוונה מכוונת לקטרג עלינו מצד זה כמ"ש של"ה הנ"ל (ויקרא כ"ו מ"ב), ובכ"ז אנו מזכירין אותו אפילו בימים הק' שאנו צריכין בהם לרחמים הרבה ולהישמר מקיטרוג ביותר, כיון שכוונתינו בו עכ"פ לטובה ולזכות, והכל הולך אחר הכוונה ולא אחר המקום שנכתב הפסוק. ועתה נתיישבתי, שאפשר טעם המנהג בבעלזא יע"א שלא לומר הזמר דברוך א' יום יום וכו' בשב"ק, הוא מצד שלפי הפי' דרש"י שם (ג' כ"ב) הפסוק של חסדי ה' כי לא תמנו היא כמו האם תמנו לגוע עיי"ש. ומה גם, כיון שנזכר בו ג"כ בצרתם לו צר וכו', אין להזכירו בשבת שאינו יום צרה כמש"כ באו"ח (סימן ק"א). (שו"ת שם משמעון סי' כ"ב)

סיפר הגה"צ ר' הענך פאדווא זצ"ל אבדק"ק לאנדאן: זכור לי שלחנו הטהור של כ"ק מרן מהר"א [מבעלזא] ז"ל בשנת תרפ"ז בעיר זויערברוין [הסמוכה לוויען] בערב תשעה באב שחל להיות בשבת, ולמרות שהמנהג בשבת שחל בתשעה באב לומר הזמר ברוך ד' יום יום בסעודת היום, לא אמרו אותו בשבת ההיא. לימים היתה זאת בארה"ק באחת השנים כאשר חל ערב תשעה באב להיות בשב"ק, ויהי בעת עריכת השלחן בצפרא דשבתא, פנה מרן להמקורבים ושאל אם גם בשנה כזו נהוג לומר ברוך ד' יום יום, כמו שנהוג בשנה שחל בו תשעה באב להיות בשבת.

ענה א' הנוכחים שלפי מה ששמע מאלטע חסידים לא נהוג לאמרו בשנה כזו, רק בשבת שחל בו תשעה באב עצמו. פנה אליו מרן ושאל אותו על מי כוונתו בקראו אלטע חסידים, השיב שכוונתו על הר"ר זלמן האפמאן ז"ל, ומרן העלה חיוך קל על שפתיו, כאומר: כבר אתה מכנה את פרחי החסידים בתואר אלטע חסידים. אז עניתי ואמרתי, שלפי מה שזכור לי מאותן הימים בהם שהה מרן בזויערברוין בשנת תרפ"ז, שאז חל תשעה באב להיות ביום ראשון כמו השנה, לא אמרו אז בשבת ערב תשעה באב את הזמר ברוך ד' יום יום, השיב על כך מרן, כי אם אמנם כן הי', ברם היות אז אונז זעמיר אייניקלעך פון די רוסישע רבי'ס, והם נהגו לומר זמר הלזה מדי שבת בשבתו, ווען מיר אונז עכ"פ יעצט זאגן דעם זמר. ואכן אמרו אז את הזמר הלזה. לאחר זמן נודע לי מפי א' מבאי ביתו של מרן, שאחר עריכת השלחן אמר מרן בחדרו להמקורבים, כי באמת המנהג לאמרו גם בשבת כזו, ומה שבזויערברוין לא אמרו אותו, היתה זאת מפני גודל הצפיפות ששרר במקום מפאת הציבור הגדול שנכח ונדחק שם, אבל אח"כ בבוא מרן החדרה אמר אז את הפיוט במעמד אנשי הבית והמשמשים בקודש. (קובץ עתיקות בעלזא, ח"ב)

ראיתי אצל ש"ב כ"ק הגה"צ בעל תפארת נפתלי משארמאש זצ"ל כשחל תשעה באב במוצאי שב"ק, גמר כל השיעורים הרגילים בחצות יום שב"ק, ואחה"צ למד רק דברים המותרים ללמוד בתשעה באב. (מרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל)

## עובדא דשמואל סיפורי צדיקים שנשמעו ממרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל [ש]

**אלף תקנה.** בנו של הרה"ק רבי שמעון מיערסלאב זצ"ל ה"ה הרה"ק רבי נפתלי זצ"ל הי' חתן הגאון רבי בעריש זצ"ל אבד"ק ליטוביסק, ולאחר פטירת חותנו נעשה מחלוקת בעיר ליטוביסק מי שימלא מקומו ברבנות העיר, יש שאמרו שבנו רבי נפתלי בער זצ"ל ימלא מקומו, וכן הי' דעת הרה"ק מצאנז זצ"ל, ויש שאמרו שחתנו רבי נפתלי זצ"ל ימלא מקומו, ובאו בני העיר להרה"ק מצאנז ואמרו לו שמתייראים לקיים רצונו ופקודתו למנות לרב את בן האב"ד זצ"ל, מכיון שחתנו רבי נפתלי הוא בנו של הרה"ק מיערסלוב [שכבר לא הי' בעולם], ומתייראים הם מהקפדתו לבל למנות את בנו לרב בעיר, ועוד שכן הוא ג"כ דעת הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זצ"ל [שהי' אז בתחילת זמן הנהגותו] שיתמנו חתנו רבי נפתלי לאב"ד, וע"כ אינם יודעים מה לעשות. ענה להם הרה"ק מצאנז במכתב על פי מדרש, שהארי מלך החיות למד פעם לבניו איך להביא בעצמן טרף לפיהם, שילכו ביער ולא יפחדו משום בריה שהרי אתם חזקים יותר מכל אלו, אולם רק מאדם תפחדו, ותברחו ממנו, ויצאו לדרכם וחזרו בהאי פחדא שראו איזה איש, ענה להם האריה אני אלך להביט את מי שראיתם, והגיע לשם וראה שזה ילד, אמר להם מאיש הזה אין אתם צריכין ליפחד, והלכו שוב ורצו לאביהם בבהלה שראו איזה איש, והוא הלך עוה"פ להביט את מי שראו, וראה שהוא איש זקן, אמר להם גם מאיש זקן הזה אין אתם צריכין ליפחד, מכיון שאין לו כח כלל להזיק לכם, ואח"כ באו אצלו בבהלה שראו שוב איזה איש, וכאשר הלך לראות מי הוא זה האיש, ראה שזהו שומר היער שעומד עם קשת בידו, אמר להם מאיש הזה אכן צריכין ליפחד עכ"ד המדרש.

סיים הרה"ק מצאנז דבריו: מהקטן ה"ה הרה"ק ר"א מזידיטשוב אין אתם צריכין ליפחד, מכיון שהוא עוד בקטנו [שהי' בתחילת הנהגתו] ועדיין אין דברו עושה כ"כ רושם בשמים, וגם מהקפדת הגדול ה"ה הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב אין אתם צריכין ליפחד, מכיון שכבר אינו אדם, שכבר נסתלק לגנזי מרומים, אולם אני הוא כהיום השומר של העולם, העומד עם כלי מלחמתו בידו, וממני צריכין ליפחד, ואני מצוה שיתמנו בן הרב הקודם לאב"ד.

**אלף תקנו / בהיכל קדשו.** כשחל תשעה באב במוצש"ק הפסיק מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל לאכול סעודה שלישית בזמן השקיעה, ואח"כ זימרו הזמירות, ולא אמר דברי תורה. את מלבושי שב"ק החליף מרן זצ"ל לאחר זמן מוצאי שב"ק דר"ת, ובא לביהמ"ד לתפלת ערבית בבגדי חול.

**אלף תקנז / בהיכל קדשו.** כאשר זכיתי בשנת תשט"ו לפ"ק לשמש בקודש אצל מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל במשך נסיעתו לארה"ק, חל ערב תשעה באב ביום רביעי בשבוע, ומרן זצ"ל מיהר עצמו בתפלת שחרית, מכיון שנהג מרן זצ"ל שלא לאכול סעודה לאחר חצות יום ערב ת"ב, ואחר חצות היום כבר לא אכל דבר מבושל (כדאיתא בס' דרך החיים הלכות ערב ת"ב סעיף א'). לסעודת המפסקת לא נטל ידיו, רק אכל חתיכת פת הבא בכיסנין [מזונות], וביצה מבושלת.

בערך בשעה אחד עשר בלילה נכנס מרן זצ"ל לבית מדרשו בירושלים עיה"ק תו"ב לתפלת ערבית ואמירת איכה. ובמשך אמירת הקינות בלילה וביום ת"ב, ישב מרן זצ"ל על הארץ, וכובעו כיסה את מצחו וחלק מצורת קדשו, ומתחילתו ועד סופו נשפך מעיניו הק' נחלי דמעות מאין הפוגות.

# דער קוואל פון צדיקים

## דערציילונגען פון רבותינו הקדושים צו זייער יארצייט

יארצייט פון
הגאון הקדוש מרן
**רבי יעקב יצחק מלובלין** זי"ע
ט' מנחם אב שנת תקע"ה לפ"ק
[ג]

הרה"ק רבי יעקב יצחק דער חוזה פון לובלין זצ"ל איז געבוירן שנת תק"ה לפ"ק צו זיין טאטן רבי אברהם אליעזר הלוי זצ"ל אכטע דור צום של"ה הק'. ער איז געווען א תלמיד פון המגיד ממעזריטש, הרר"ש מניקלשבורג, רר"א מליזענסק, רר"ז מהאניפאלי, און הרה"ק מבארדיטשוב. נאך אין לעבן פון רר"א מליזענסק האט ער אנגעהויבן פירן א עדה חסידים אין שטאט לאנצוהט, שפעטער איז ער אריבער וואוינען אין שטאט לובלין, טויזענטער אידן האבן זיך מסתופף געווען אין זיין הייליגן שאטן, רוב צדיקי הדור זענען געווען פון זיינע תלמידים, ער איז באקאנט מיטן נאמען "חוזה" ווייל ער האט אלעס געזעהן מיט רוח הקודש. ער האט מחבר געווען די ספרים: זאת זכרון, זכרון זאת, דברי אמת. ער איז נסתלק געווארן שנת תקע"ה לפ"ק, זיין הייליגער ציון געפינט זיך אין שטאט לובלין יצ"ו.

דער רבי פון לובלין איז נישט געגאנגען קיין שום שבת קודש מאכן קידוש ביז ער האט געלערנט קודם גאנץ הלכות שבת מחבר און רמ"א מיטן באר היטב. (אילנא דחיי, אור הנר ער"ש ח')

*

דער רבי פון לובלין פלעגט מעביר סדרה זיין יעדע וואך ערב שבת קודש די פרשה אין א ספר תורה, און ווען ער האט געעפענט די ספר תורה האט ער געשריגן: ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי, איך טו שוין תשובה, איי, יענע וואך האסטו אויך אזוי געזאגט, אבער היינט טו איך שוין תשובה, און נאכדעם האט ער מעביר סדרה געווען. (סיפורי מרן הרמ"ח מסלאנים, דף קס"ז)

*

דער רבי פון לובלין האט געהאט א מנהג אז שבת קודש נאכמיטאג בעפאר מנחה פלעגט ער זיך פארשפארן ביי זיך אין שטוב פאר א קורצע צייט, און נאכדעם פלעגט ער אריינגיין אין ביהמ"ד צו מנחה ושלש סעודות. עס האט אמאל פאסירט אז איינער פון די חסידים האט געוואלט וויסן וואס דער רבי טוט דארט אליינס אין צימער, האט ער זיך באהאלטן אין שאנק, און געזעהן אז ער האט געעפענט א ספר הרמב"ם און געלערנט אין דעם א שטיק צייט, און עס איז געווארן א שטארקע ליכטיגקייט אין צימער ווי א בליץ, און ער האט פארמאכט דעם ספר און אריין אין ביהמ"ד צו מנחה ושלש סעודות, אזוי ווי עס איז שוין געווען שפעט פארנאכטס און ליכט איז נישט געווען, איז שוין געווען היפש טונקל אין ביהמ"ד, און אזוי האט מען געדאווענט מנחה און געפראוועט שלש סעודות, נאך די תורה איז געווען די מנהג צו ברענגן ליכט צום טיש, יענע וואך האט דער חסיד געפרעגט זיינע שכנים פארוואס ברענגט מען נישט קיין ליכט די וואך, האבן זיי געענטפערט אז עס איז יא דא ליכט, האט דער חסיד פארשטאנען אז ער איז ל"ע געווארן בלינד, איז ער אריין צום רבין זיך מזכיר זיין פאר א ישועה, האט אים דער רבי פון לובלין געהייסן פארן צו זיין תלמיד הרה"ק **מראדישיץ** זצ"ל, ער האט אזוי געטון און געפארן קיין ראדישיץ.

דער הייליגער ראדישיצער האט געהאט ביי זיך אין צימער אין די וואנט קעסטעלעך ווי ער האט געהאלטן שיריים פון שבת'דיגע מאכלים, און פון דעם פלעגט ער געבן רפואות פאר חולים, און אויך פאר דעם חסיד האט ער גגעבן געוויסע רפואות פון די מאכלים, אבער דער חסיד איז צוריק געקומען זאגן אז דאס העלפט אים נישט און דערווייל זעהט ער נאכנישט, האט ער אים גגעבן אנדערע רפואות און דאס האט אויך נישט געהאלפן, אזוי איז געווען עטליכע מאל, האט אים דער ראדישיצער געזאגט: דערצייל מיר נאר ווען און וויאזוי ביסטו געווארן בלינד, ווייל איך האב דיר שוין גגעבן אזעלכע רפואות וואס ווען מען וואלט עס גגעבן פאר א שטיין וואלט דאס שוין אויך געקענט זעהן. האט ער דערציילט אז ער איז געווען אין צימער פון הרה"ק מלובלין שב"ק נאכמיטאג און דארט געזעהן די שטארקע ליכטיגקייט, און פון דעמאלטס איז ער ל"ע בלינד, האט אים דער ראדישיצער געזאגט, אויב אזוי וועסטו רח"ל שוין קיינמאל נישט זעהן, ווייל די ליכטיגקייט איז געווען פון דעם אור הגנוז, און ווער עס זעהט דעם אור הגנוז קען מער נישט זעהן מיט פשוטע גשמיות'דיגע אויגן. (מרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל בשם כ"ק הגה"צ מוואידיסלאוו זצ"ל)

*

הרה"ק **מצאנז** זצ"ל (האט געזאגט אז מען האט בקבלה אז אברהם אבינו ע"ה איז געגאנגען מיט א שטריימל און קאפטין און שיך און זאקין און חאלאט. ווייל דער רבי פון לובלין האט קודם געוואוינט אין שטאט לאנצהוט, און ער האט דארט אנגעפאנגען צו פירן אביסל רבי'סטעווע, און זיין רבי הרה"ק רבי ר' אלימלך **מליזענסק** זצ"ל האט געהאט אויף דעם תרעומות, און דער רבי פון לובלין איז תיכף ווען ער האט דאס געהערט אוועקגעפארן פון לאנצהוט צו זיין ווי ווייטער פון שטאט ליזענסק, און ער איז אנגעקומען צום שטאט לובלין ערב שב"ק, און ער איז געגאנגען דאווענען און לערנען אין ביהכ"נ [וכו'], און נאכן דאווענען ליל שב"ק איז ער געבליבן אביסל לענגער אין ביהכ"נ, און עס איז געקומען צו אים איינער אנגעטון מיט א שטריימל און קאפטין און חאלאט און שיך און זאקין און אים גגעבן שלום און געזאגט גוט שבת, און דער רבי פון לובלין האט געזעהן אז ער איז נישט איינער פון די וועלט, און ער האט אים געפרעגט ווער ער איז, האט ער אים געענטפערט: איך בין דער וואס הקב"ה האט אים געזאגט לך לך מארצך [אברהם אבינו ע"ה]. (חמדה גנוזה צאנז, ח"א אות קס"א)

*

א איד האט אמאל געזאגט פארן רבי'ן פון לובלין אז ער מיינט אז ער האט געזעהן **אליהו הנביא** זל"ט אין חלום, און ער וויל וויסן אויב ער האט אים באמת געזעהן אדער נישט, האט אים דער רבי פון לובלין געזאגט ער זאל אים פארשטעלן די צורה וואס ער האט געזעהן, און ער האט דאס געטון, האט אים דער רבי פון לובלין געזאגט: פאדאבנע - ענדליך צו דעם האסטו געזעהן, און ער האט אויסגעפירט: פון ווי קענען מיר אליהו הנביא, נאר ווען מיר האבן זיך געצויגן פון שטאט לאנצוהט צום שטאט לובלין, איז געווארן א גרויסע רעש אין הימעל אז דער אייניקעל פון הרה"ק רבי קאפיל **מליקאווא** זצ"ל וואלגערט זיך פון מדינה צו מדינה, איז אליהו הנביא געקומען כדי מיר צו קענען, און פון דעמאלטס קענען מיר אים. (שארית ברוך בריזדאוויץ, אות מ"ט)

*

הרה"ק רבי משה **מקאברין** זצ"ל איז אמאל געווען ביים רבי'ן פון לובלין, האט אים דער רבי פון לובלין געזאגט: זאלסט וויסן אז דער **לעכאוויטשער** האט באשיינט די וועלט פארגאנגענעם יום טוב שבועות מיטן זאגן די עשרת הדברות מער ווי אלע צדיקי הדור.

דעם קומענדיגן יום טוב שבועות איז הרה"ק מקאברין געזיצען ביים טיש פון לעכאוויטשער, דער ערשטער נעבן לעכאוויטשער איז געזיצן זיין זון, נאכדעם ר' מיכלע, און דער דריטער הרה"ק **מקאברין**, און דער לעכאוויטשער האט זיך מיט פארשידענע ווערטער געמאכט פאר גאר קליין און גארנישט מיט זיין עבודת ה', האט זיך הרה"ק מקאברין צוגעבויגן צו ר' מיכעלע און אים געזאגט שטילערהייט: דער לובלינער האט דאך געזאגט אויפן רבי'ן אז ער האט באשיינט די וועלט פאריגען יום טוב שבועות מיטן זאגן די עשרת הדברות מער ווי אלע צדיקי הדור, דער לעכאוויטשער וואס האט דאס געהערט, האט זיך אנגערופען: מיר האבען באהאלטען אונזער עבודות פאר מלאכים ושרפים, נאר פארן לובלינער קענען מיר זיך נישט באהאלטען. (קובץ אליהו דף ע"ו אות רי"ד)

*

עס האט פאסירט אמאל ווען הרה"ק בעל עטרת צבי **מזידיטשוב** זצ"ל איז געווען ביי זיין רבי דער רבי פון לובלין, האט ער געזעהן ווי דער רבי פון לובלין האט געזאלצט די פיש לכבוד שב"ק, און דער עטרת צבי האט געשפירט אז איין שטיקל פיש פון וואס ער האט געזאלצן האט דער רבי פון לובלין געזאלצן ספעציעל פאר אים, אבער ער האט מורא געהאט אז אפשר וועט די שטיקל פיש ווערן אויפגעגעסן אין די קיך, האט ער געמאכט א סימן אינעם שטיקל פיש און האט אנגעזאגט פאר די קעכערין אז מען זאל גיבן די פיש ביים טיש, און מען האט טאקע אזוי געטון, ווען דער רבי פון לובלין האט געטיילט די פיש האט ער גענומען דעם שטיקל און עס צוטיילט אויף צוויי, איין שטיקל האט ער גגעבן פארן עטרת צבי, און די אנדערע האט ער גגעבן פאר א אנדערע מענטש, און דער עטרת צבי האט געטראכט ביי זיך אין הארץ, אז לכאורה האט דער רבי פון לובלין געזאלצן די פיש נאר פאר אים, און וויאזוי האט ער אוועק גגעבן די צווייטע חלק פאר א צווייטען? אבער ווען ער האט אנגעהויבן צו עסן האט ער באמערקט אז דער צווייטער עסט נישט פון די פיש, און ווען ער האט יענעם געפרעגט פארוואס ער עסט נישט, האט ער אים געענטפערט אז די דאקטער לאזט אים נישט עסן קיין פיש. האט דער עטרת צבי דעמאלטס געזעהן אז דער רבי פון לובלין האט דאס אלעס געזעהן פאראויס ברוח קדשו. (פאר יוסף ספינקא, הקדמת המו"ל)

*

הרה"ק רבי אלעזר **מקאזניץ** זצ"ל האט פארציילט: דער רבי פון לובלין האט געהאט א ספעצילע ווייסע בעקיטשע וואס ער האט אנגעטון נאר ווען ער איז געווען א מוהל ביי א ברית, אמאל האבן זיינע שטוב מענטשען געזעהן ווי ער טוט אן די בעקיטשע אין א טאג וואס עס איז נישט געווען א ברית, און דאס איז זיי געווען א גרויס וואונדער. דעם קומענדיגן פורים ווען האבן זיי זיך ערלויבט אים צו פרעגן פארשידענע שאלות איבער וואס עס האט פאסירט איבערן יאר, האט מען אים דעמאלטס אויך געפרעגט פארוואס ער האט יענעם טאג אנגעטון די ספעציעלע בעקיטשע. האט ער זיי געענטפערט:

עס האט אמאל פאסירט אז א געוויסער עושר איז צוליב זיינע געשעפטן געבליבן אין שטאט לובלין אויף שבת קודש, און זייענדיג א קארגער מענטש, האט ער נישט געוואלט באצאהלן פאר א אכסניא ווי צו זיין אויף שבת, און ער האט אויך קיינעם נישט געקענט אין שטאט ער זאל דארט קענען איינשטיין, האט ער באשלאסן צו גיין צום שטוב פונעם רבי'ן פון לובלין, און דארט ווען די חסידים שוין מסתמא באזארגן מיט אלע באדערפענישן אויף שבת, און אזוי איז טאקע געווען, און מוצש"ק איז ער אריין צום רבי'ן פון לובלין מיט א קוויטעל און א קליינע פדיון לויט זיין קארגשאפט, און ער האט אים אנגעוואונטשען, און ער איז אהיים געפארן.

נאך וואס דער יוד איז נפטר געווארן און ער איז געווען אויפן וועג צו איינס פון די אויבערשטע היכלים, האט אים א מלאך אפגעהאלטן פון גיין ווייטער, זאגענדיג אז ער איז נישט געהעריג גמלע'ט ווי עס באדארף צו זיין, האט דער יוד געטענה'ט אז דאס קען נישט זיין, ווייל ער איז געווען אמאל אין לובלין און ער איז אריין צום רבי'ן פון לובלין, וואס מיט זיינע הייליגע אויגן האט ער דאך געזעהן גאר ווייט, און אויב וואלט געווען עפעס א פגם און חסרון מיט די מצוה ביי אים, וואלט ער דאך דאס אוודאי געזעהן און פארראכטן, דער מלאך האט אנגענומען די טענה, און האט אים גגעבן רשות צו גיין צום רבי'ן פון לובלין און אים בעטן ער זאל אים פאררעכטן, און ער האט טאקע אזוי געטון, און דערפאר האט ער יענעם טאג אנגעטון די ספעציעלע ברית בעקיטשע. (יפה שיחתן ראדאמישלא, ח"ב דף ו' אות ט')

*

### תורתו מאירת עינינו יגן לנו ויושר יליץ בעדינו


**אדם אם היה עובר בין הקברות, והיה יודע שצדיק קבור שם,**
**צריך להזכירו במעשיו, אמר שלמה** (משלי י' ז') **זכר צדיק לברכה.** (פסק"ר פי"ב ס"א)
**פארט איר אויף קברי צדיקים ווי אימער אין דער וועלט ?**
די עיקר השתטחות ביי א ציון פון א צדיק איז נאכצוזאגן שמועות ועובדות מפיו כמובא בספה"ק.
איר צאלט אזויפיל געלט פאר די נסיעות, קומט נישט אן צום ציון ווי א פרעמדער, מיר וועלן אייך צושטעלן א קובץ "**לספר בציון**" מיט געקליבענע סיפורים מיוחד פאר די ציונים ווי איר פארט.
אזוי ווי איר זענט מחליט צו פארן אויף מקומות הקדושים, רופט אריין צו מערכת "**מבאר רבותינו**"
און מיר וועלן אייך צושטעלן בעזהשי"ת א קובץ לויט אייער פארלאנג. 718-218-6817
~ פויעלט אלעס גוטס ~

[redacted] פילטער **גאר גוטן** אפילו מיט אן אזויגערופענעם
**אינטערנעט**
איז פארט **גאר שלעכט** פאר א אידישע נשמה



מבאר רבותינו: *43 LORIMER ST. BROOKLYN N.Y. 11206*
טעל: *718-218-6817* - פעקס: *718-506-9629*

**במשך שבתות הקיץ אינו מופיע עמוד ג' ועמוד ד' - ואתכם הסליחה**
כל הזכיות שמורות, ואסור להעתיק שום ענין מהגליון בלי רשות המערכת
י"ל ע"י קהל אפסי ארץ ד'נאנאש - בנשיאות הגה"צ רבי אליעזר יוסף פאללאק שליט"א